STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04822

DER SOF TSU MILHOMES

Binyamin Kantor

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Herbert Goldenberg
in memory of
Eva Cooper Goldenberg and Philip Goldenberg, who made the journey

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער סוף

צו

מלחמות

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW ROCHELLE, N.Y. 1

ב. קאנטאר
נו ראָשעל, נו יאָרק

דער בוך איז אויך געדרוקט אין ענגליש

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט — 5

אריינפיר — 7

מענטש קעגן מענטש — 9

דער דאָלער — דער הערשער — 11

פראָפעסיעס פאַרדאָרבן — 13

געזעצן און געריכטן — 16

מסחר — 18

טאַלאַנטן מיסברויכט — 21

וואַל־רעכט פאַרשוועכט — 22

דור פון מאַשינעריע — 23

אָנבאָט און פאַרלאַנג — 26

פילאַנטראָפּיע — 28

אומזיכערקייט — 29

רעליגיע — 30

דערציאונג — 31

ליבע — 32

גרופּן און קלאַסן — 33

זייט

מלחמה	36
אוצרות פון נאַטור	39
אימפּעריעס און קאָלאָניעס	40
מלחמה און פּראָפיטן	41
מלחמה און אַרבעט	43
פעלקער פאַראייין	44
פאַרצווייפלונג	45
טרוימערייען	47
זוכן סגולות	48
אַמאָל און איצט	50
די וועגן פון פּראָגרעס	52
אָנהויב פון זען	54
דער סוף צו מלחמות	55
צו אַמעריקאַנער	56
די דריטע פּראָקלאַמאַציע	58

פאָרוואָרט

מיר לעבן אין אַ צייט פון אומרו. עס קאָכט און עס ברויזט אומעטום. אַ סאָציאַלע איבערקערעניש פילט זיך אין דער לופט. עס איז אויף אונדזער דור געפאַלן דער היסטאָרישער גורל צו דינען אַלס אַ בריק צווישן דעם אַלטן און דעם נייעם אָרט לעבן. אַ פאַרנינפטיגע שטעלונג צו דעם ענין און אַ פּאַסיגע צוגרייטונג פאַר דעם איבערבייט וועט מעגליך מאַכן אַז דער איבערגאַנג זאָל אָפּלויפן פרידליך און זאָל ברייגנען פאַר דער אויסגע-מאַטערטער מענטשהייט אַ מאַטעריעלע און גייסטיגע גאולה.

דער בוך איז געשריבן אין גראַמענדיגע פערזן, כאָטש עס איז ניט קיין פּאָעזיע אין דעם פּאָפּולאַרן זין פון דעם וואָרט. יעדער פערז ווייזט אָן אויף אַ געווויסן איבל אָדער ווידערשפּרוך אין דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן פּלאָנטער, אַזוי אַז די וועלכע קענען זיין אויפקלערענדיג פאַר מענטשן פון פאַרשיידענעם אָרט דיינקען, וועלן בלייבן אין זייער זכרון פאַר אַ לענגערע צייט.

אַרייַנפיר

אַ וואַנדערער אין וועלט־רוים האָט זיך איין טאָג אָפּגעשטעלט אויף דעם ערד קוגל, ער האָט באַטראַכט אונדזער אַרט לעבן און ביים אַוועקגיין האָט ער גערעדט צו אונדז אַזוי:

מענטש! האָסט דערגרייכט די הימלען
און אַלע געטער צערשטערט;
ווען עס קומט צו דיר אַליין
איז דיין חכמה עפּעס ווערט?

די פאַרשער אַזוי ווי פּאַכלייט
האָט זיך יעדער זיין געביט:
מעסטן ווי טיף איז דער ים
צי ווי הייס די זון גליט.

קומען זיי צום אויפקניפּן
דיין אייגענעם פלאָנטער,
שרייבן זיי און מעקן,
דער ציל ווערט ניט נאָנטער.

חכמה צענטרען, די גרויסע
קוקן קרום אויף נייע לערן,
„אונדזער אָרדנונג איז הייליג,
עס טאָר אַנדערש ניט ווערן".

די הויך שולן, זיי זענען
מיט מסחר צייכנס באַקאַרבט;
פון געשעפטסלייט דערהאַלטן
און מיט געלט-קאָליר באַפאַרבט.

איז דער לימוד ניט וואָס איז רעכט,
בלויז לערנען דאָס לאַנד'ס געבאָטן,
און פון מוסר פונ'ם לערער
אין געהיים די שילער שפּאָטן.

—▫—

מענטש קעגן מענטש

"אַלע מענטשן זענען גלייך"
רופסטו אויס פאַר דער וועלט,
דאָך בלויז די קענען לעבן
וועמעס גייסט איז גאָלד און געלט.

די אוצרות פון נאַטור
האָט אַ הייפעלע פאַרהאַלטן,
מאַנען אַנדערע אַ טייל
זאָגט מען "זיי פאַרגוואַלטן".

פאַר אייגענטום דאָס רעכט
איז דערהויכט און פאַרהייליגט;
ווער עס מאָנט פאַר מענטשן־רעכט
דער, אין "צעשטער" זיך באַטייליגט.

איר זעט אויס צו זיין גאַנץ פריי
דאָך איינס ביים אַנדערן שקלאַפן;
שווער צו זאָגן ווער איז וואָס,
באַדינער אָדער גראַפן.

דער אָרימאַן איז קעגן גביר
פאַר זיין גרויסן פאַרמעג,
דער עושר האַסט דעם קבצן
פאַר זיין פרייען וואָרט און וועג.

ס׳איז דאָ גענוג, טענה׳ט דער,
שפּייז, קליידער און יעדע זאַך,
נאָר אַ סך האָבן ווייניג
און ווייניג האָבן אַ סך.

די רייכע לעבן אין שרעק
פאַר דעם אָרעמען׳ס קלאָגן;
זיינע פשוט׳ע ווערטער
אַ שטורם אין זיך טראָגן.

וואָרט און שריפט, טענה׳ן זיי,
זאָל זיין באַשריינקט מער און מער!
ווילן פאַרניכטן די פרייהייטן,
דערקעמפט, לאַנג און שווער.

—□—

דער דאָלער — דער הערשער

פאַרקויפט צו זיין אַלס קנעכט
איז אמת, היינט אוים מאָדע;
איז דער דאָלער איצט ניט האַר?
דו שקלאַפסט לויט זיין מעטאָדע.

ער הערשט אומבאַגרענעצט,
מיט אַ געטלעכער מאַכט,
און וואוהין נאָר דו קומסט
ווערט זיין אַלטאַר באַלד געבראַכט.

דער דאָלער אָדער גראָשן
איז אַ מאָס פאַר יעדעס ווערט:
ברויט, בוך, ביקס און גיפט
פון גלייכן שאַץ איז דערקלערט.

דער אָנהויב און דער סוף
פון וואָס און פון וועמען
איז "וויפיל וועט איר געבן?
ווי ווינציג וועט איר נעמען?".

דער אורשפּרונג פֿונ'ם געלט,
אַלם מיטל פֿאַר'ן בייטן,
איז כמעט ווי פֿאַרגעסן
אין די נייסטע צייטן.

יעדער טריט, יעדער קער
האָט נאָר געלט פֿאַר'ן ציל;
ס'איז אַ טייל פֿון דיין בלוט,
ס'מאַכט דיין גייסט פֿאַר אַ שפּיל.

—□—

פּראָפּעסיעס פאַרדאָרבן

פרעדיגער פאַרבלאָנדזשען
פון די הייליגע שטעגן;
לערן פון משה און יעזוס
זענען פאַרגעסן, פאַרלעגן.

דרשנים, רבנים,
אויף די זינדיגע קלאָגן;
פאַר זיי אַליין איז אַלץ פריי,
מ׳דאַרף נאָר יענעם מוסר זאָגן.

געזעץ-ביכער זענען פול
מיט יושרדיגע געזעצן,
אַדוואָקאַטן צענישטן זיי
דורך פאַרפּלאָנטערטע נעצן.

נאַרונג-ספּעצן שרייבן פאָר
דריי צענדליג פענים פאַר אַ טאָג;
אַ פרייד פאַר באַלעבאַטים,
פאַר שכירות — אַ מאָס און וואָג.

זשורנאַלן פּאַסן דעם לעזער
צום פֿארלעגער׳ס פֿאַרלאַנגען.
רעדאַקטאָרן שרייבן, מעקן,
לויט זיינע קאַפּריז גאַנגען.

שרייבער פֿאַרפֿילן בלעטער
מיט פֿאַרברעכן און סקאַנדאַל,
ס׳האַלט דעם לעזער געשפּאַנט,
לאָזט אים ניט טראַכטן וועגן כלל.

אויב זיי גיבן שוין אַ וואונק
וואָס איז רעכט און וואָס ניט,
דינען זיי אַלטע געטער,
פֿאַרדאַמען אַ נייעם שניט.

קינסטלער פֿאַרדינגען זיך
דיין סחורה צו באַזינגען.
זיי רימען גיפֿט און שונד
מיט וואָרט, בילד און לופֿט־קלינגען.

האָסט מחנות דאָקטוירים
דיין געזונט צו פאַרהיטן;
זיי ווילקאָמען פעסטן
כדי מיט געלט זיך אָנשיטן.

נייע קריינקען בליען אויף
מיט'ן טעמפאָ פון דער צייט.
דאָקטוירים היילן אנשטאט פאַרמיידן,
בלייבן זיי הינטער העט ווייט.

—□—

גערעכטן און געזעצן

קאָנסטיטוציעס, מיסברויכט
זענען שטיינער אויפ׳ן וועג
פון מענטשנ׳ס אַרויסטריט
פון אַמאָליגע טעג.

לעגיסלאַטאָרס מאַכן געזעצן
פון לאַביאיסטן באַטאָנט;
״צום טייוול מיט׳ן פּובליק״
אויב עפּעס אַנדערש, עס מאָנט.

איר פאַרבאָט לאָטערייען
און גראָשענע רולעטן;
פאַר שפּילער אין פאַרמעגנס
האָט איר קיינע דעקרעטן.

ריכטער, די וואָס דאַרפן
די באַרויבטע באַשיצן,
העלפן דעם שווינדלער
דאָס געזעץ אויסצוניצן.

זיי טיילן רעכט און אומרעכט
לויט גרופּן און קלאַסן;
וואָס איז רעכט פאַר׳ן ״קאַפּיטאַן״
איז אומרעכט פאַר די מאַסן.

בלויז פֿאַר די לעצטע זענען דאָ
גערוצן און געריכטן;
זענען ניט מער ווי אַ שפּאַט
פֿאַר די "העכערע" שיכטן.

זיי דינגען שטאַרקע פּויסטן
די עדות צו שרעקן,
דראָען די געשוואָרענע,
צום ריכטער — זיך לעקן.

איז אַ מערדער פֿאַרמעגליך
איז ער "געזעצליך" משוגע,
און ווערט שפּעטער באַפֿרייט
דורך נייע קונצן — קלוגע.

זינד אין פֿאַרמעסט מיט שטראָף
באַזיגט ניין מאָל פֿון צען;
ס'געפֿינט אַלץ נייע דריידלעך
וואָס דער געזעץ קען ניט זען.

—□—

מסחר

אין געשעפט ווי אין קריג
זענען אַלע גערעכט;
דער זיגער און דער קרבן
באַזינגען דעם געפעכט.

סוחרים שלאָגן זיך, קושן זיך,
ווי עס פּאַסט זיך צום פּראָפיט;
באַזונדער צי פֿאַראייניגט,
זיי נאַרן אויף יעדן טריט.

תבואה פֿוילט אומצייטיג
אין שפּיל פֿון אַקציע-שווינדל;
פֿאַרמער אַקערן און בראַנען
פֿאַר דעם בערזשע געזינדל.

צוגרייטער פֿון שפּייז-וואַרג
טיילן גיפֿט צו פֿאַרברויכער;
וואָס דען געבן ריינע וואַרע?
דאָס איז גאָרניט מעשה סוחר.

ערליך האַנדלען מיט אַ צווייטן,
אַ סך וועט דאָס ברענגען, געבן?
בעסער נאָכטאָן דעם באַרבאַר
אָדער אויסהויכן דאָס לעבן.

אָפּנאַרער פון אַלע מינים
זענען דען ווייט פון גערעכט?
דער שוואַכער איז פּאַר'משפּט
וואָס מאַכט דען אוים ווי מען שעכט.

—▫—

די געשעפטסלייט, זיי מיינען
ס'איז כאָטש גוט זיי אַליין,
ווי עס מיינט דעם וואָרעם
אין דעם ביטערן כריין.

בלויז אַ הייפעלע פון זיי
געניםט די גוטס פון דער וועלט,
די איבעריגע שקלאַפן,
אין דעם שפּאַן פונ'ם געלט.

פון באַגינען אויף טאָג
ביז שפּעט אין דער נאַכט,
זיי האָוען און שמייען
און טוען ניט אַ טראַכט:

פאַר וואָס און פאַר ווען
אַזאַ אייביגער יאָגן?
צו וואָס און פאַר וועמען
אַזאַ לאַסט צו טראָגן

—▫—

טאַלאַנטן מיסברויכט

טאַלאַנטן און באַרופן
הויבן ניט אָן זיך פּאַסן;
זעט מען מאלער נייען שיך
און זינגער — קערן גאַסן.

מלמדים פירן געשעפטן,
אַקטיאָרן שאָבן פיש,
דאָקטוירים וואַשן טעלער,
פּאָעטן גרייטן צום טיש.

גרויסע געניען פאַרוועלקן,
גייען אוים — עס פעלן שולן,
די וואָס האָבן לערע פיל
זיי טרינקען און הוליען.

—▫—

וואַל-רעכט פאַרשוועכט

נאָך לאַנגע יאָרן קעמפן
איז דיר שטים-רעכט געגעבן;
פּאַרטרויסטו איצט די וואַלן
דער "אונטערוועלט" פון לעבן.

דער דאָלער שפּילט אויך דאָ
די ראָלע פון באַטראַגן;
בלויז די וואָס אים געפעלן
וועלן צו אַן אַמט זיך דערשלאָגן.

בעאַמטע, פאַרן דערוויילן
דיין דערלייזונג פּראָקלאַמירן;
ס'איז יעדערער דיין "רעטער",
די אַבזיכט איז — פאַרפירן.

פירער בייטן זיך דורך שטימען
ווי קליידער — לויט'ן וועטער;
ס'ווערט דאָך קיין סך געענדערט,
אַלע דינען די זעלבע געטער.

דור פון מאַשינעריע

מיט'ן מאַשין האָסטו באַזיגט
די יסודות פון נאַטור,
אויך געבונדן אין קייטן
דיין אָפּגעשוואַכט פיגור.

דעם מעכאַניק'ס פרייד אין שאַפן
איז אַוועק שוין פון לאַנג;
ער האַמערט, מאַשין דרילט,
יעדער שפּילט אַ נאָט אין קלאַנג.

מאַנכע בויער פון מאַשינען
זענען ביליג, געמיין;
שטעלן אין קאָן יענעמ'ס לעבן
צו שפּאָרן פאַר זיך אַליין.

דו דערפינדסט אַלץ מאַשינען
צו שפּאָרן אַרבעטער'ס צייט;
די מאַשין פאַרנעמט זיין פּלאַץ
און ער פאַרהונגערט ביים זייט.

זיין אַרבעט׳ס צייט איז האַלב
פון זעכטצען שעה צו אַכט;
נאָר געשפּאַנט מיט׳ן מאַשין,
געיאָגט פון אַ כשוף־מאַכט.

מענטש און מאַשין, ביידע איילן
ווי ס׳וואָלט זיין ווייניג צייט,
און מיליאָנען זוכן אַרבעט
אין לענדער נאָנט און ווייט.

די מאַשין עסט ניט, טרינקט ניט,
ס׳טראָגט אויך ניט קיין קליידער,
עס שלאָפט ניט, עס רוט ניט,
עס לויפט, עס יאָגט כסדר.

דער מענטש ווי די מאַשין
זיין ווערט אויף ציפער באַשטייט,
מען גיט אים בלויז געניג
פאַר זיין אַרבעט צו זיין גרייט.

ניט געווען צוריק צו קויפן
װאָס זײַנע הענט באַשאַפֿן;
ס׳ווערט פֿאַרקויפֿט אָן זײַן וויסן
צו פּריצים און צו גראַפֿן.

געלינגט אים מיט צרות
צו קריגן מער אַ פּאָר סענט,
גיט ער באַלד דאָס אָפּ צוריק
אין דעם יקרות וואָס ברענט.

—□—

אָנבאָט און פאַרלאַנג

אין פרידנס צייט

שמוציגע, טומלדיגע גאַסן,
באַראַקן, אָן ליכט, אָן לופט,
מיט מענטשן פול געפּאַקט,
צו קראַנקהייטן באַרופט;

באַרג און טאָל מיט זון־שיין פול,
ברייט אָפן פעלד און טייך,
ליגן פאַרלאָזן, פאַרגעסן,
נאָר פּאָעזיע צו מאַכן רייך.

שפּייז, קליידער, אין סקלאַד פוילן,
"זאַפּאַס איבערשטייגט פאַרלאַנג";
דאָך, מענטשן הונגערן, פרירן,
קיין קלייד, קיין ברויט, קיין זאַנג.

דו ברענסט געוואַנט פאַר הייצן —
מענטשן אין שמאַטעס זיך קליידן;
דו גיסט אוים מילך פאַר די פיש
און קינדער הונגער ליידן.

ברויט באַקער הונגערן,
מעבלירער פעלט אוים בעטן,
בויער האָבן קיין היימען,
שוסטער באָרוועס טרעטן.

פאַמיליען צונויפגעפּאַקט
אין שמוציגע געצעלטן
און פּאַלאַצן פּוסטעווען —
מ׳האָט ניט קיין שטייער געלטן.

קען, הינט ווערן גענערט
פון אגודות־רחמנים,
און מענטשן־קינדער־ טויזנטע,
שמאַכטן, פאַר שאַנד אין פּנים.

אומגליק איז ווילקאָמען
באַ די הונגעריגע מאַסן;
אַ שטורם, אַ שריפה,
מ׳קלינגט, אַרבעט! אויף די גאַסן.

מלחמה איז אַ ברכה,
דער לאָזונג איז — צעשטער.
מען אַרבעט טאָג און נאַכט
פאַר פּולווער און געווווער.

פילאַנטראָפּיע

טיילן צדקה איז געווען
דיין נאָבעלסטער געביט;
ס'איז געוואָרן פאַר'מסחר'ט —
פאַרשוועכט אויף יעדן טריט.

מ'האַנדלט מיט מגיפות
נאַאיווע צו פאַרפירן;
אַ טריקעניש, פאַרפלייצונג,
באַלד קלאַפּט מען אין די טירן.

דאָס פּובליק עפנט ס'האַרץ,
עס רעגנט מיט אַל דאָס גוטס,
אַן איינקונפט פאַר די קלייבער,
ס'ברייננגט כמעט קיין אַנדער נוץ.

איר טיילט זופּ צו די הונגערע,
צו די נאַקעטע — שמאַטעס;
רפואות פאַר אַ רגע,
דאָך, אייביג לייגן לאַטעס!

אומזיכערקייט

זקנים און קאַליקעס
בעטלען אויף די ראָגן;
רייכע יונגען, קרעפטיגע,
ווערן פעט פון זיסקייט נאָגן.

דאָס דאגה'ן פאַר'ן מאָרגן
מאַכט דיר פרי גראָ און אַלט;
דער מאָרגן ווי דער נעכטן
ניט מער פון דעם היינט אַנטהאַלט.

אין די יאָרן פון שפע
שפּאָרסטו אָפּ פאַר אַ שלעכטן טאָג
און נאָך איידער דער טאָג קומט
שטייסטו שוין אויפ'ן ראָג:

"שענקט אַ נדבה" — בעטסטו,
"האָט רחמנות גוטע מענטשן,
גיט זאָ לאַנג איר קענט,
מאָרגן וועט אייך גאָט בענטשן".

רעליגיע

רעליגיעס וואָס צעקלינגען
"פריינטשאַפט" אויף די גאַסן,
צעטיילן מענטשן אין סעקטן, —
איין אַנאַנדער צו האַסן.

בעל עבירות טרייסטן זיך
מיט אָשמנו און על חטא —
נעמען זיך רעכט צו שווינדל
מיט תהילים און געבעט.

אין שולן און אין קירכן
ווערט האַנדלשאַפט געפירט;
ווענט און באַלקן גלאַנצן
די נשמה — זי איז פאַרווירט.

דערציאונג

דו שטראָפסט דיינע קינדער
פאַר זאָגן אַמאָל אַ ליגן,
דאַן ווייזטו זיי וועגן
אַנדערן צו באַטריגן.

דער רבי אין חדר
לערנט זיי ערליכקייט היטן.
פרואוון זיי לעבן אַזוי
איז דער וועג זיי פאַרשניטן.

זיי וואַקסן צווישן רויבער
און אָנפירער פון שווינדל.
נו גיי זיי גוט און פרום
אין אַזאַ מין געזינדל.

ליבע

ליבע איז פֿאַרביליגט, —
פּאָר האַנדל — אַ געצייג;
זי טרעט דעם סליאַד פֿון געלט,
וואָס פֿירט צום גאָלדן שטייג.

קלייבט דער בחור צווישן צוויי,
איז די רייכע אים באַ׳חנ׳ט,
כאָטש די אָרימע איז מער
קלוג און גוט און באַשיינט.

פֿאַרלירט דער געליבטער
זיין געזאַמלט פֿאַרמעגן,
צערינט זיך איר ליבע
ווי דער שנעי נאָך אַ רעגן.

אַנאַנדער וואָס פֿאַרמאָגט
קאַפּיטאַל איבער גענוג
וועט געווינען איר ליבע,
איז ער נאַריש צו קלוג.

גרופּן און קלאַסן

די בירגער פון יעדן לאַנד
זענען שטענדיק אויף מעסער;
וואָס פאַר איינעם איז שלעכט
מאַכט דעם צווייטן גאָר בעסער.

ווען דער פויער בעט רעגן
דאַרף דער אייז הענדלער היצן.
פאַר׳ן קבצן איז פראָסט אַ שרעק,
פאַר׳ן ליידיג גייער — גוט צו גליטשן.

איר צעטיילט די מענטשן
לויט ראַסן, קאָליר און גלויבן,
און לויט זיין נאָז טוט איר יעדן
פאַרדאַמען צו דערהויבן.

איר גרופּירט זיך אין מחנות
ווי אין קריג די יעוואָנים;
יעדע האָט איר אייגן ציל
און אַנאַנדער מין פנים.

דער גרונט־שטיין פון מערסטע
איז געלייגט נאָר אין האַסן;
איין גרופּע דער אַנדערער
וואָלט צעריסן אין פּאַסן.

פאַרפלאַנצן קנאה־שנאה
איז אַ פּראָפעסיע געוואָרן;
גאָר אַ סך ווייזן טאַלאַנט —
זענען פאַר דעם ווי געבאָרן.

טעאָריען פון פיינטשאַפט
פאַרנעמען יעדע לאַנד,
און פאַרפלאַמען נאַציאָנען
אין ״פאַשי־נאַצי״ בראַנד.

ס׳איז אַ גרויסער געווינס
פאַר די ״העכערע״ קלאַסן,
אַ קעגן־גיפט פאַר׳ן צאָרן
פון דערוואַכענדיקע מאַסן.

די ״באַזיצער פון גראַניט״
כאָטש רייך אין קראַפט און צאָל,
האָבן קיין מוט און קיין שפּראַך,
מען הערט קוים זייער קול.

צעשפּליטערט אין קלייזלעך,
איז דער ווייַ־געשריי שוואַך;
כאָטש ״אין איינינקייט איז מאַכט״
קלינגען זיי פון ווענט און דאַך.

מלחמה

האָסט צעפּאַסעוועט די ערד
פּאַר נאַציעס, גרויס און קליין;
איינע לאָזט ניט די אַנדערע
איר שוועל אַריבער גיין.

די בירגער פון יעדעס לאַנד
קוקן אויף זיך ווי דאָס בעסט;
זיי ווילן הימל און ערד
און די שטערן און דאָס רעשט.

פעלקער שטרייטן קעגן פעלקער
און ראַסן קעגן ראַסן;
די זעלבע ווילדע בעסטיע,
האָסט דיין פּנים בלויז געוואַשן.

גאונים זענען באַשעפטיגט
צו דערפינדן טויט-מאַשינען,
אַזוי ווי שפּייז און קליידער
וואָלט פון אַלע זאַשיקס שוין רינען.

דו שיקסט צום שלאַכט-פעלד
שוסטער, בעקער, טרעגער;
מאַכסט אומשולדיגע מענטשן
באַרבאַרישע שלעגער.

סאָלדאַטן ווערן געריםט
דורך וואָרט, שריפט און פאַרבן;
דערצויגן צום שלאַכטן,
שטאָלצירן זיי אין פאַרדאַרבן.

געווער מאַכער פאַרבינדן
פאַטריאָטן און פראָפיטירער;
אַ וואַזשנע דריי-אייניגקייט
פון קריג-מחנות פירער.

זיי באַזאָרגן מיט וואָפן
אַרמייען פון פריינט און פיינט;
דאַן רייצן זיי ביידן
און דער פראָפיט בליט און שיינט.

ס'קלעקן ניט מאַטעריאַלן
פאַר קינדער-שול בנינים,
דאָך, גענוג פאַר קאַזאַרמעס
און ביקסען פאַר יעוואָנים.

די סקלאַדן פול מיט סחורה
און באַראַקן — מיט סאָלדאַטן,
קריגט מען נייע קונים
מיט ביקסן און האַרמאַטן.

דער סוחר און פאַטריאָט
יעדן פרידנס-טריט פאַרשרייען;
קריג ברייגנט רווח דעם ערשטן,
דעם צווייטן — הערליכע רייען.

ווערסטו מיד פון מלחמה
און הויבסט אָן זוכן שלום,
פאַרקריכסטו ווידער אין קריג
און פרידן בלייבט אַ חלום.

—◻—

אוצרות פון נאַטור

די נאַטור איז גרויסמוטיג
אין שאַפן מאַטעריאַלן.
זי האָט איבערפּאַקט דעם גלאָוב
מיט מעטאַלן און מינעראַלן.

דער פאָרשונגס גייסט פון מענטשן
האָט נייע כוחות אַנטדעקט,
צו עפענען ערד'ס בוזים
און אירע אוצרות אַנטפלעקט.

ס'איז צעשפּרייט ווייט און ברייט
אין אַלע טיילן פון דער ערד.
פעלקער שלאָגן זיך פאַר דעם
מיט ביקס, באָמב און שווערד.

ס'איז דאָ מער ווי גענוג
פאַר יעדער ראַסע און פאָלק,
אויב יעדע קריגט איר חלק
מיט אָרדענונג און טאָלק.

אימפּעריעס און קאָלאָניעס

פעלקער — קליינע, שוואַכע,
באַהערשט פון גרויס-מעכטן,
קעמפן, שטרײַטן כּסדר
צו קריגן זייערע רעכטן.

אַנדערע — גרויסע, שטאַרקע,
מיט אָנשטעל צו באַפרייען,
פּלאַנען, מאַנעווורירן
אינוואַזיעס צו באַנייען.

אין קריג דערשטיקן זיי
די פעלקער פון קליין באַדייט,
און פאַרניכטן איין-אַנדער
אין זייער אייביקן שטרײַט.

דער גלאָוב האָט פּלאַץ גענוג
פאַר יעדע ראַסע און נאַציאָן,
אויב זיי לעבן נאָר בשלום
יעדע אונטער איר אייגן פאָן.

מלחמה און פּראָפיטן

האָסט מיט קריג זיך פאַרנומען
פון קינדהייט דורות-לאַנג;
האָסט בלוט-געווייקט די ערד
אין דיין שטופּן פאָרשריט-גאַנג.

דער אָנהויב איז מילד געווען:
פייל און בויגן, שפּיז און שווערד,
דער אָנגריף איז שוואַך געווען,
אויף אַ קליינעם שטח ערד.

דאָס אויפשטייג פון פּולווער
האָט ווייטקייט אויסגעלאַכט;
גיפט-גאַז, אַטאָם-באָמבעם
האָבן ראַיאָנען וויסט געמאַכט.

מאַסן-טויט איז דער גאַנג
פון מלחמה דיזע טעג;
פרויען, קינדער, — צע׳ממית׳ט
זענען פול אין איר וועג.

ווי סחורה נייעם פאַסאָן
שאַפט מען געווער אין מאַסן;
פאַבריקאַנטן קוקן אויס
צום קריגס-מאַרש אויף די גאַסן.

„פאַרגרייט זיך" שרייען זיי,
פראָפּיט ליגט זיי אין זינען,
„דער שונא איז ביים שוועל,
מאַכט גיכער קריגס־מאַשינען.

זיי מאַכן געווער פאַר פריינט
און אויך פאַר דעם שונא;
ווער עס קען נאָר באַצאָלן
דער איז אַ גוטער קונה.

שונאים־פעלקער מאַכן
איינס פאַר אַנדער — וואָפן;
פיל פאַלן טויט פון קוילן
פון אייגן ברידער געשאַפן.

פאַר די ריטער פון טויט
איז דאָס בלויז אַ נחמה;
זיי קלייבן רייכטום פון די
וואָס הויכן אוים די נשמה.

—□—

מלחמה און אַרבעט

ס'איז דאָ אַרבעט גענוג
ווען עס קלינגט דאָס געווער
צו באַזאָרגן די אַרמייען
פאַר די מיסיע פון צעשטער.

פאַבריקאַנטן גיבן פּרעמיעס
צו די וואָס ווילן עפּעס טאָן;
פרויען, קינדער, יונג און אַלט
פון יעדע ראַסע און נאַציאָן.

ווען דאָס קריג האַלט ביים סוף
הויבן זיך אָן נייע זאָרגן;
פאַבריקן פאַרמאַכן די טירן,
וואו נעמט מען אַרבעט פאַר מאָרגן?

די געלערנטע צו שיסן
נעמען זיך בויען וועגן, בריקן;
ס'איז ווי הובלען מיט אַ האַמער
אָדער מיט גאָפּלען צו שטריקן.

און ווידער געפינט איר
באַבסקע סגולות אָן אַ צאָל;
די זענען נוצלאָז ווי יענע,
גייט איר אין קריג נאָכאַמאָל.

—□—

פעלקער פאַראײַן

באַ דעם פעלקער-בונט'ס ראַט
אָנגריפן צו באַגרענצן,
די "לייבן" שאַרפן שווערדן,
די "שעפסן" גומל בענטשן.

די לעצטע, זיי שושקען זיך,
האָבן מורא צו דערצאָרן
די וואָס זענען מעכטיג, —
פון לאַנד און ים , — די האָרן.

טוט איינער פון די שטאַרקע
אַ שוואַכערן פאַרשלינגען,
פאַרקוקן די "לייבן"
און אָפט אים נאָך באַזינגען.

זיי האָבן זייער חשבון —
"היינט כאַפּט ער, מאָרגן — איך"
שאַ, שטיל, אַ שלונג אַראָפּ.
פאַרגעבן, פאַרגעסן, אויף גיך.

—□—

פֿאַרצווייפֿלונג

די גענייגטע צו רעכט
ווערן מיד פֿון פּוסטן שטרייט;
די זענען די לא־יוצלח׳ס
אין דעם גאַנג פֿון דער צייט.

צו פֿאַרגעסן זייערע צרות
פֿאַרטויבן זיי דעם קאָפּ,
צו גאָר פֿאַרקירצן זיך דעם וועג
כּדי פֿון סצענע אַראָפּ.

די ערד, זאָגט מען איז צו שוואַך
אַלע מענטשן צו באַוואוילן;
"זאָל מען ווייניקער געבאָרן
און מער אין קריג אויסקוילן".

די השערה איז נאַריש —
ביידע רפֿואות — בייזוויליגט;
דאָך, שוין בעסער ניט געבאָרן
ווי נאָכדעם ווערן פֿאַרטיליגט.

טראַגעדיעס פון אָרימקייט
האָבן קיין אָרט ניט איצט,
וינט וויסן און דערפינדן
שאַפן מער ווי ס'ווערט גענוצט.

דיין פראַגרעס איז געבויט
אויף לויזן זאַמד פון דער וויסט,
כל זמן הונגעריגע מענטשן
נישטערן שפייז פון דעם מיסט.

—▫—

טרוימערייען

פּאָעטן, פילאָזאָפן,
באַזינגען ווייטע פּלאַנעטן;
די ערד־וועלט איז זיי מיאוס,
ווילן זיי יענע באַטרעטן.

דאָך איינינע פון זיי
הויבן אָן צו פאַרשטיין
אַז אויך אויף דער וועלט קען זיין
אַ לעבן — גוט און שיין.

נביאים האָבן דורות־לאַנג
געצייכנט דיין מאַרשרוט;
"מאַך מענטשן פאַר מלאכים,
וועט דיר זיין וואויל און גוט".

אָפטײלן מענטש פון טײוול
איז אַ גענוג הויכער ציל,
אַז די מלאכים פאַר'ן הימל,
זיי האָבן דאָרט נחת פיל.

זוכן סגולות

דאָס געוועב אָפּטמאָל טרייסלט:
דאָס גאָלד זינקט, מאַשין שטומט,
ס׳בלוט פאַרהאַלט, דער אָטעם שטיקט,
דער גייסט פיבערט און זומט.

׳דאָקטוירים״ דיאַגנאָזירן,
חכמים, פּאַר עצות קנעלן;
די ערשטע ווי די צווייטע
בלייבן נאָר ביים וועלן.

די תרופות וואָס זיי באַנוצן
דיין פּלאָנטער צו מאַכן גלייך,
איז ווי אַקערן מיט קאַמען
אָדער אויסטרינקען אַ טייך.

זיי פאַרוואַסערן דעם דאָלער
צו העכערן פּראָפיטן,
און דורך דעם ווערט שכירות
אויף אַ העלפט געשניטן.

דו באַלוינסט די פּאַרמער
פאַר האַלטן וויסט זייער לאַנד;
דאָס פּאַרדאָפּלט קאָסט פון ברויט
פאַר די פון אָרעמען שטאַנד.

די טאָג-לוינער אויף לאַנד
ליידן הונגער דורך דעם פּלאַן;
די באַזיצער פון די גיטער
שווימען אין לוקסוס ערשט דאַן.

ווען תבואה ווערט דערשעפּט
אין דעם גאַנג פון קריג׳ס צעשטער,
באַלוינט איר זיי ווידער
צו זייען אַלץ מער און מער.

דו טרעטסט פאָראויס, דאַן צוריק
צו די אַלטע מעטאָדן,
דיין פּראָגרעס האָט קיין ווערט
כל זמן גאָלד אין דער באָדן.

פּלענער צו פאַרריכטן
אַ בנין — פאַלש געבויט
איז ווי היילן איינעמ׳ס מאָגן
דורך פאַרבן זיין צונג אויף רויט.

—▫—

אַמאָל און איצט

„יעדער פאַר זיך" איז אַ געזעץ
וואָס שטאַמט פון אַלטע צייטן,
ווען די ערד איז געווען רוי
און ווילדקייט פון אַלע זייטן.

לאַנד איז געווען לרוב,
אַבי נעם, לויט דיין ווילן
בהמות, עופות — אַלערליי
צום עסן און צום שפּילן.

האָסט געקעמפט טאָג און נאַכט
מיט נאַטור און אירע ברוטן;
ניט געטראַכט וועגן אַרבעט
אָדער טאָן עפּעס צום גוטן.

דיינע קאַמפן מיט נאַטור
זענען נאָנט צו אַ סוף;
דו באַהערשט לאַנד און ים
און די לופט הויך אַרויף.

ביסט געוואקסן אין צאָל,
איבערשטיגן אַלע גרענצן,
און איצט איז דיין באַרוף
צו באַוואוילן אַלע מענטשן.

דו קענסט דאָס ניט דערגרייכן
דורך קאַמפּן און מיט וואָפן;
בלויז פאַראייניגטע כוחות
וועלן דיין ניי-לעבן שאַפן.

שוין צייט צו צעלאָזן
די אַרמייען און די פלאָטן,
און זוכן דיין וואויל-זיין,
דיינע צרות — אויסראָטן.

—□—

די וועגן פון פּראָגרעס

גערעצן און מאָדעס
ביימן זיך ווי דער וועטער;
קיין אייביגע מאַסשטאַבן
אין היסטאָריע'ס בלעטער.

אידעאַלן פון היינט
זענען רעאַלן פון מאָרגן;
פאַר מערסטע איז דאָס פּראָגרעס,
פאַר אַנדערע — בלויז זאָרגן.

די געשיכטע פון מענטשן
איז אַ רייע פון שטרייטן;
פון דאָס פּשוטע פאָלק
מיט הערשער פון אַלע צייטן.

די שאַפער פון עשירות
דורך כוח און דורך עצות
פאָדערן — "אונזער חלק"
אויב ניט, לאָז אָפּ די לייצעס!

זיגן און פּאַרלוּסטן
בייטן זיך אויף די בינעם;
מפּלות נאָכאַנאַנדער
ברויזן אויף אַלטע שנאה׳ם.

די פּראָפיט־אָרדנונג אַליין
טראָגט דעם זאָמען פון איר טויט;
מיט זוכן כסדר נייע פעלדער
אַ נייער שטאָט ווערט געבויט.

—□—

אָנהויב פון זען

גרוילן פון די וועלט מלחמות
האָבן פון שלאָף דיר דערוועקט;
דער זיגער ווי דער קרבן
איז מיט בלוט געווען באַדעקט.

דיין בנין, געבויט אויף האַס
און ווערטן אויפגעבלאָזן,
איז געווען אַ חורבה
ווען דער שטורם האָט אָפּגעלאָזן.

דו האָסט נאָר וואָס דערוואַכט
זיך צו שטעלן אַ פראַגע;
דו הויבסט ערשט אָן פאַרשטיין
דיין אומגליקליכע לאַגע.

קריכסט אַרויס פון ווילדערניש,
פון אַלטע, קרומע שטעגן,
צו גרויסע, ברייטע פעלדער,
אויף זוניג-העלע וועגן.

דו שטייגסט אויף פאָרשריט'ס לייטער
מיט לאַנגע, דרייסטע טריט,
כמעט גרייט צו דערקלערן
אַז מיט געלט-זוכט ביסטו קווייט.

דער סוף צו מלחמות

איר הויבט שוין אָן פאַרשטיין
אַז קריג איז באַרבאַריש;
פירן אייביג מלחמות
איז אי ווילד אי נאַריש.

און איר פרוואווט זיך פאַרמעסטן
קעגן גאָט פון מלחמה
מיט ריידן, מיט קלאָגן,
מיט סגולות — קרומע, לאָמע.

טענות קעגן מלחמה
איז פאַר מארס בלויז אַ רייץ,
ווי פאַרדאַמען דעם שטורם
האַלט ניט אָפּ אַ פאַרפלייץ.

דאָך, ניט גלייך צום שטורם,
קריג איז ניט נאַטור׳ס געזעץ;
ס׳איז אַ טייל פון געשעפט,
פאַר פראָפיטן — אַ גוטער נעץ.

מלחמה ווערט דערהאַלטן
צום פראָפיטירער׳ס געברויך,
פאַרניכט פראָפיטירונג!
און קריג פאַרשווינדט ווי אַ רויך.

צו אַמעריקאַנער

ווען דיין "מוטער" בריטאַניע
האָט גערויבט דיינע רעכטן,
האָסטו קעגן איר רעוואָלטירט,
דו געדענקסט דאָס ווי נעכטן.

מ'האָט גערופן "פאַררעטער"
די אמת'ע פּאַטריאָטן:
סעמועל עדעמס, פּעטריק העגרי,
און נאָך, אין זיי געראָטן.

פון ס'ניי געבאָרן אַלם פאָלק,
אין דיין אייגן פורם געגאָסן,
האָסטו געבליט און באַגליקט,
אין די גאַסן האָט גאָלד געפלאָסן.

דיין געשיכטע איז באַלויכט
מיט צוויי פּראָקלאַמאַציעס;
וואונדערפולע רינגען צוויי
אין פּראָגרעס פון נאַציעס.

די ערשטע, די פון "זעלבסטשטאַנד"
האָט דיר גלייכהייט געשאַפן,
די צווייטע, פון לינקאָלן
האָט באַפרייט דיינע שקלאַפן.

ביידע, געשריבן מיטן שווערד,
געטונקט אין דיין בלוט;
ס'איז ווערט געווען די קאַמפן —
ווייזן פרייהייט איר מאַרשרוט.

די פיאָנערן פון היינט
קריגן אויך ניט קיין לויב,
ווי עדעמס און העברי'ן
פאַרשיט מען זיי מיט שטויב.

צו באַפרייען דיר פון גאָלד מאַכט
וואָס רויבט היינט דיר דיין רעכט
בעט זיך אַ פּראָקלאַמאַציע
דיר צו מאַכן אוים קנעכט.

אַזאַ וואָס וועט צוברעכן
פון דאלער'ס שקלאַפן די קייטן,
די צייט איז שוין רייף איצט,
מאַך שנעלער דאָס פאַרגרייטן.

די דריטע פּראָקלאַמאַציע

אַלע מענטשן האָבן רעכט
אויף נאַטור'ס האָב און גוטס;
אויף דערנערונג, באַקליידונג,
אויף אַלץ וואָס איז צום נוץ.

ס'האָט קיינער קיין רעכט ניט
צו פאַרשקלאַפן אַ צווייטן.
ווער ס'וויל עפּעס גענישן
מוז אַליין דאָס פאַרגרייטן.

זאָלן די שאַפער פאַרוואַלטן
די געצייגן פאַר'ן שאַפן!
און פאַרנוצן דאָס געשאַפטע
אנשטאט פאַר אַנדערע שקלאַפן.

זאָל קיינער ניט באַזיצן
וואָס ער דאַרף ניט שוין, איצט,
און פון מאַנגל און פון נויט
זאָל יעדער זיין באַשיצט.

זאָלן אַלע פּראָדוצירן
צו פאַרזאָרגן דיין געברויך!
זאָל קיינער ניט פוילענצן!
קיינער ניט הונגערן אויך.

בילדונג פאַר יעדן איינעם!
און מיט געלד ניט באַדעקט;
קיין אַנשטאַלט פון לערנען
זאָל מיט געלט ניט זיין באַפלעקט!

צו קריגן אַט די רעכטן
פיאָנערן פאָרמירט זיך!
צו דערהאַלטן די פרינציפּן
פאַראייניגט און מושטירט זיך!

אַלע אָפּפער פון פּראָפיטן,
אייער מאַכט זאָל איינציג דינען!
אָפּצושאַפן פּראָפיטירונג
אין פאַבריקן, מילן, מינען.

—▫—